ובפרט אז מ'קען דאס פארבינדן מיט לימוד פנימיות התורה, וואס דאס איז פארבונדן במיוחד מיטן זמן פון רעוא דרעוין [דער רצון פון אלע רצונות; ניט סתם רזי תורה, נאר רזין דרזין, רעוא דרעוין].

טו. און דורך די אלע ענינים האמורים, כולל דעם ענין פון הקדמת נעשה לנשמע, גרייט מען זיך צו קבלת התורה, ביז אין אן אופן אז מ'איז מכתיר יעדער אידן מיט די צוויי כתרים, וואס דער ענין הכתר איז פארבונדן מיט דעם ענין פון מלוכה, ווארום נאר א מלך מעג טראגן א כתר.

און דאס ווערט די הכנה דערצו אז ווען ס'קומט דער "ביום השלישי" ווערט דער ענין פון "וירד ה' על הר סיני"[73], אין אן אופן פון "ואני המתחיל"[74], און דערנאך איז "ואל משה אמר עלה אל ה'"[75], און וויבאלד אז דיבורו של הקב"ה חשיב מעשה[76], טוט זיך אויף דער "עלה אל ה'", און וויבאלד אז "בתר רישא גופא אזיל"[77], טוט זיך דאס אויף ביי אלע אידן, אז ס'ווערט דער חיבור פון עליונים ותחתונים[78],

און דאס ווערט די הכנה צום חיבור פון די עליונים ותחתונים וואס וועט זיין לע"ל, וואס דעמולט וועט זיין "ה' אחד ושמו אחד"[79], בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

* * *

טז. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע כו'.

* * *

יז. כרגיל אין א התוועדות פון שבת אפלערנען א פרש"י אויף א פסוק אין פרשת השבוע, און אויך א משנה אין פרקי אבות, און אויך אן ענין אין די הערות אויפן זהר.

בנוגע צו פרש"י בסדרה זו - איז אזוי ווי חגה"ש איז פארבונדן מיט "תליתאי", "אוריאן תליתאי לעם תליתאי על ידי תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי"[5], וואס דער ענין פון "שלישי" איז פארבונדן מיט "הוכפל בו כי טוב"[80] - וועט מען מבאר זיין צוויי פירושי רש"י אין דער סדרה.

ובפרט אז אין פרש"י איז פארבונדן מיט דעם ענין פון

- לימוד -

----

73) יתרו יט, כ. 74) שמו"ר פי"ב, ג. תנחומא וארא טו. 75) משפטים כד, א. 76) ראה ב"ר פמ"ד, כב. 77) עירובין מא, א. 78) שמו"ר ותנחומא שם. 79) זכרי' יד, ט. 80) פרש"י בראשית א, ז.

לימוד התורה, און דער צווייטער פרש"י - מיט אן ענין פון קיום המצוות, וואס דאס איז דער כללות הענין פון "נעשה ונשמע" (תורה און מצוות).

יח. דער ערשטער פרש"י איז קאפיטל ג' פסוק א', וואס דארטן שטייט: "ואלה תולדות אהרן ומשה", שטעלט זיך רש"י אויף דעם און איז מפרש: "ואינו מזכיר אלא בני אהרן ונקראו תולדות משה לפי שלמדן תורה, מלמד שכל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו".

וואס מ'האט זיך שוין געשטעלט אמאל אויף דעם פרש"י[81], מ'האט זיך אבער ניט געשטעלט אויף די דיוקים דלקמן. וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק:

א) אויב מ'זאגט אז בני אהרן ווערן אנגערופן "תולדות משה" דערפאר וואס "למדן תורה", זיינען דאך ניט נאר בני אהרן "תולדות משה", נאר אלע אידן זיינען "תולדות משה", ווארום משה רבינו האט געלערנט תורה מיט אלע אידן, ווי רש"י האט שוין געזאגט אין פ' תשא[82] "כיצד סדר המשנה משה הי' לומד מפי הגבורה כו' נכנסו כל העם שנה להם משה פרקם" - דארפן דאך אלע אידן אנגערופן ווערן "תולדות משה"?

ב) עפ"ז זיינען ניט נאר בני אהרן (און אלע אידן) "תולדות משה", נאר אהרן אליין איז אויך "תולדות משה", ווארום משה רבינו האט געלערנט תורה מיט אהרן, ווי רש"י זאגט דארטן "נכנס אהרן שנה לו משה פרקו" - איז פארוואס ווערט אהרן ניט פאררעכנט אלס "תולדות משה"?

די קושיא איז נאכמער: ניט נאר אז דער פסוק זאגט ניט אז אהרן איז "תולדות משה", נאר דער פסוק איז דאס גאר שולל, ווארום ווען ס'וואלט געשטאנען "ואלה תולדות משה ואהרן" (פריער משה און דערנאך אהרן), וואלט מען געקענט זאגן אז אהרן איז אויך נכלל אין "תולדות משה", אבער וויבאלד אז ס'שטייט "ואלה תולדות אהרן ומשה" (פריער אהרן און דערנאך משה), איז דער פסוק דערמיט שולל אז אהרן איז ניט נכלל אין "תולדות משה"?

מיט נאך כמה דיוקים אין דעם פרש"י, וכפי שיתבאר לקמן.

יט. דער צווייטער פרש"י איז בנוגע צו די מצוה פון פדיון בכורות וואס איך קאך זיך אין דעם דערפאר וואס דאס איז נוגע צו מיר, זייענדיק א בכור - וואס דער אויבערשטער האט געהייסן "קח את הלויים תחת כל בכור בבני ישראל"[83], און

- אזוי -

----

81) ראה גם לקו"ש חי"ג ע' 9 הע' 1. 82) לד, לב.
83) ג, מה.

הענינים, נאר וועגן די מעלה וחשיבות שלהם, און דערפאר איז ער מקדים תפילין פאר ציצית, וויבאלד אז תפילין האט א גרעסערע מעלה וחשיבות פון ציצית,

ווארום בנוגע צו מצות ציצית איז ניטא קיין חיוב אז ער דארף טראגן ציצית, די מצוה איז נאר אז בשעת ער טראגט א בגד פון ארבע כנפות, דארף ער לייגן דארטן ציצית, און ווי די גמרא [103] זאגט אז דוקא "בזמן דאיכא ריתחא" דארף מען אנקומען צו מצות ציצית, משא"כ מצות תפילין וואס דער חיוב איז לייגן תפילין בכל יום - און מצד די מעלה וחשיבות פון מצות תפילין, איז מען מקדים תפילין פאר ציצית.

ס'איז אבער ניט פארשטאנדיק: אין דעם זעלבן זהר (דפרשתנו) איז ער דערנאך ממשיך: "יקבל עלי' האי עול לפרשא על רישי' פרישו דמצוה, לבתר יתקשר קשורא דיחודא דאינון תפילין" (פריער ציצית און דערנאך תפילין), איז ניט פארשטאנדיק: אויב דא רעדט זיך וועגן די מעלה וחשיבות (און ניט וועגן דעם סדר), האט ער געדארפט אין ביידע ערטער מקדים זיין תפילין פאר ציצית, איז פארוואס איז ער דערנאך מקדים ציצית פאר תפילין? וכפי שיתבאר לקמן.

* * *

כג. דער ביאור אין פרש"י אויף "ואלה תולדות אהרן ומשה":

מפרשים [104] שטעלן זיך אויפן דיוק וואס מ'זאגט "המלמד את <u>בן</u> חבירו (דוקא) תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו" (און ניט המלמד את חבירו סתם) - און זיי זאגן אז דאס איז דערפאר וואס ווען ס'רעדט זיך וועגן "בן חבירו", איז דאך דא דער וואס איז מחוייב לערנען מיט אים תורה, וואס דאס איז זיין פאטער, וואס ער איז מחוייב לערנען מיט אים תורה מצד דעם ציווי פון "ושננתם לבניך" [105] און "והודעתם לבניך ולבני בניך" [106], ווי דער אלטער רבי פסק'נט אפ אין הל' ת"ת [107] אז "מצוה להקדים בניו כו' לתלמידים אחרים";

איז וויבאלד אז ביי "בן חבירו" איז דא דער וואס איז מחוייב לערנען מיט אים, און אעפ"כ לערנט <u>ער</u> מיט אים תורה *, איז "מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו", משא"כ ווען ס'רעדט זיך וועגן חבירו סתם, וואס יענער האט ניט איינעם וואס איז

- מחוייב -

----

*) יותר נ"ל <u>שגם</u> הוא מלמדו (וכמו ב"ילדו" שיש גם האם) - וכמו בנדו"ד שגם אהרן למדם (פרש"י תשא) "כדאיתא בעירובין".

----

103) מנחות מא, א. 104) שפ"ח. 105) ואתחנן ו, ז.
106) שם ד, ט. 107) פ"א ה"ח.

מחוייב לערנען מיט אים תורה, איז בשעה ער לערנט מיט אים תורה, זאגט מען ניט אז "מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו".

ועפ"ז וועט אויסקומען א חידוש: דאס וואס מ'זאגט אז "המלמד את בן חבירו תורה כו' כאילו ילדו", איז ע"פ פשש"מ דוקא ווען אביו איז בחיים, וואס דעמולט איז דא דער וואס איז מחוייב לערנען מיט אים, משא"כ לאחרי מאה ועשרים שנה ווען אביו איז שוין ניט בחיים, דעמולט זאגט מען ניט "מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו" *.

כד. עפ"ז קען מען פארענטפערן פארוואס נאר בני אהרן ווערן אנגערופן "תולדות משה", משא"כ אהרן:

בנוגע צו בני אהרן, האט משה רבינו ניט געהאט קיין חיוב צו לערנען תורה מיט זיי, ווארום מצד "ושננתם לבניך" איז אהרן געווען מחוייב לערנען מיט זיי,

[וואס אהרן איז דאך געווען ראוי צו לערנען מיט זיי, און מ'געפינט אז ער האט טאקע געלערנט תורה מיט זיי, ווי רש"י [109] ברענגט אראפ דעם "סדר משנה" און איז מסיים "כדאיתא בעירובין", וואס דארטן [110] זאגט די גמרא "נסתלק משה ושנה להן אהרן פרקו"],

ופשיטא אז ע"פ פשש"מ קען מען ניט זאגן אז מצד דעם ציווי פון "דבר אל בנ"י" איז דא א חיוב אויף משה רבינו צו לערנען עם כאו"א מס"ר דבנ"י - עס קען אנקומען צו אידן אויך דורך אהרן וכיו"ב.

און וויבאלד אז ער האט געלערנט מיט זיי תורה ווען ס'איז געווען אן אנדערער וואס איז געווען מחוייב לערנען מיט זיי, דערפאר איז "מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו", און זיי ווערן אנגערופן "תולדות משה"; משא"כ בנוגע צו אהרן, וואס ער האט ניט געהאט איינעם וואס איז מחוייב לערנען מיט אים, איז בשעה אז משה האט געלערנט מיט אים, איז ניטא דער עניין פון "מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו", בפילא ווערט ער ניט אנגערופן "תולדות משה".

כה. עס בלייבט נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק:

מצד דעם חיוב פון "ושננתם לבניך", האט דאך משה רבינו

- צום -

---

*) אולי י"ל שזהו עוד סוג "(אשר) עשו (בחרן)" [108].

---

108) לך לך יב, ה ובפרש"י. 109) תשא לד, לב.
110) עירובין נד, ב.

צום אלעם ערשטן געדארפט לערנען מיט זיינע קינדער - איז פארוואס געפינט מען נאר אז ער האט געלערנט מיט בני אהרן, און ניט מיט זיינע קינדער?!

לכאו׳ וואלט מען געקענט זאגן, אז דער ציווי פון "ושננתם לבניך" וואס שטייט ערשט אין חומש דברים, איז געזאגט געווארן בשנת הארבעים, און ביז דעמולט איז ניט געווען קיין חיוב מיוחד על האב ללמד את בנו תורה.

מ׳קען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום: (א) אויך אן דעם ציווי פון "ושננתם לבניך" פארשטייט אפי׳ א בן חמש למקרא אז מצד הסברא דארף מען צום אלעם ערשטן לערנען תורה מיט די אייגענע קינדער [ע"ד ווי מ׳זאגט אז "עניי עירך ועניי עיר אחרת עניי עירך קודמין"[111]].

(ב) עפ"ז וועט אויסקומען אז דער "סדר משנה" וואס רש"י ברענגט אראפ אין פ׳ תשא איז געווען נאר ביז שנת הארבעים, איידער ס׳איז געזאגט געווארן דער ציווי פון "ושננתם לבניך", און דערנאך איז געווען אן אנדער סדר - וואס דאס איז א חידוש גדול וואס מ׳געפינט ניט אין קיין ארט.

כו. והביאור בזה:

כמדובר כמ"פ אז רש"י באווארענט בפירושו אלע ענינים וואס זיינען ניט פארשטאנדיק אין פשוטו של מקרא (ביז וואנעט אז ווען ס׳בלייבט א קושיא אין פשוטו של מקרא, זאגט רש"י "לא ידעתי"[112]).

איז לכאו׳ ניט פארשטאנדיק: רש"י פרעגט "ואינו מזכיר אלא בני אהרן", און פארענטפערט ניט די קושיא פארוואס ווערן ניט דערמאנט אויך בני משה?

איז דער ביאור בזה: דאס וואס רש"י זאגט "ואינו מזכיר אלא בני אהרן", איז דאס ניט קיין קושיא, נאר רש"י זאגט פשט אין דעם פסוק: "אינו מזכיר אלא בני אהרן", דער פסוק רעדט דא נאר וועגן בני אהרן, וועגן די כהנים (ובמילא איז כובן פארוואס ווערן דא ניט דערמאנט בני משה, ווארום כ׳רעדט דא וועגן כהנים).

- אין המשך הפסוקים ווייטער[113] דערמאנט מען "ולקחה משפחה העמרמי", וואס בפשטות גייט דאס אויף בני משה, ווארום מרים האט דאך התונה געהאט מיט כלב בן יפונה און

- איר -

---

111) פרש"י משפטים כב, כד - מב"מ עא, רע"א. 112) ראה הנסמן בלקו"ש ח"ה ע׳ 1 שוה"ג הא׳ להע׳ 2. 113) ג, כז.

איר זון איז געווען חור[114], ניט קיין לוי, און בני אהרן זיינען דאך כהנים, ניט קיין לויים, און דא רעדט זיך וועגן מנין הלויים - מוז מען זאגן אז "משפחת העמרמי" גייט אויף בני משה; און אין אונזער פסוק רעדט זיך נאר וועגן די כהנים.

און בדרך אגב לערנט אונז דער פסוק אז "כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו" - דורך דערויף וואס ער זאגט "ואלה תולדות אהרן ומשה".

כז. עפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס ווערט ניט דערמאנט אז משה רבינו האט געלערנט תורה מיט זיינע קינדער - ווארום דא רעדט זיך ניט וועגן דעם חיוב פון "ושננתם לבניך" (ובפשטות האט ער זיכער מקיים געווען דעם ציווי), נאר עס רעדט זיך וועגן דעם חיוב וואס משה רבינו האט געדארפט איבערגעבן דעם אויבערשטנ'ס ציוויים צו אידן, "דבר אל בנ"י" וכו'.

ועפ"ז איז אויך פארשטאנדיק פארוואס נאר בני אהרן ווערן אנגערופן "תולדות משה", און ניט אהרן:

בשעה משה האט געדארפט איבערגעבן תורה צו אידן, האט ער געדארפט לערנען מיט אהרן, ווארום רש"י[115] האט שוין געזאגט אז בשעת מ"ה איז געווען "אהרן מחיצה לעצמו וכו'", ד.ה. אז ער איז א מחיצה נענטער צו דעם ענין פון קבלת התורה, ובמילא בשעת מ'דארף איבערגעבן תורה צו אידן, דארף דאס צום אלעם ערשטן אנקומען צו דעם וואס געפינט זיך אין א נענטערע מחיצה צו דעם ענין פון קבלת התורה - צו אהרן.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת משה רבינו האט געלערנט תורה מיט אהרן, איז דאס ניט געווען קיין ענין של חידוש, ווארום ער האט געמוזט לערנען מיט אים, ובמילא איז דא ניטא דער אויפטו פון "המלמד את בן חבירו תורה כו' כאילו ילדו";

משא"כ בנוגע צו בני אהרן, וואס מיט זיי האט משה ניט געדארפט לערנען (וכנ"ל אז ע"פ פשש"מ איז ניטא קיין חיוב אויף משה רבינו לערנען מיט אלע ס"ר אידן, ועד"ז אויך ניט מיט בני אהרן - זיי קענען דאס מקבל זיין דורך אהרן) - איז בשעה אז ער האט געלערנט מיט זיי, איז "מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו", און דערנאך ווערן זיי אנגערופן "תולדות משה".

כח. דער ביאור אין פרש"י אויף "שנים ועשרים אלף":

אויף "אשר פקד משה ואהרן"[116] זאגט רש"י: "נקוד על

- ואהרן -

---

114) פרש"י בשלח יז, י. 115) עה"פ יתרו יט, כד.
116) ג, לט.